# פרשת ואתחנן

## בס"ד. משיחת כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ב

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ'האָט פריער גערעדט בנוגע צו דעם ענין הגלות, אַז "צדקה עשה הקדוש ברוך הוא שפיזרן לבין האומות", אָבער דער פיזור איז מערניט כדי דערנאָך זאָל מען זיך צוזאַמענקלייבן אין אַן אופן פון "קהל גדול ישובו הנה", "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו".

דערביי וועט אָבער די שאלה פון דעם ענין פון "פזרן לבין האומות". בשעת עס וועט זיין די גאולה האמיתית והשלימה וועט זיין דער שלימות העם, העם בשלימותו, וועט זיין אין ארץ הקודש, אין ארץ ישראל בשלימותה, ביז אין אן אופן פון "כי ירחיב".

וואס טוט מען אין זמן הגלות, און ניט אין אַ זמן פון אַ רגל – זאָגט מען אָט דאָס איז די מצוה פון אהבת ישראל;

בשעת ער איז מקיים די מצוה פון אהבת ישראל ווי מ'דאַרף איר מקיים זיין, און ווי מ'דאַרף איר מקיים זיין גאָר בפשטות; דאָ מיינט מען ניט קיין רמזים און כוונות און סודי-סודות, אע"פ וואָס ס'איז דא הרי-הרים פון רמזים וסודות וכוונות בזה. ס'איז געגוג דער ענין כפשוטו, ווי מ'קען אים מסביר זיין צו אַ פשוט שבפשוטים בישראל, אַז "ואהבת לרעך כמוך" טייטשט ער דאָס אָפּ בפשטות.

און בשעת מ'זאָגט "כמוך" – איז וואו ער גייט האָט ער זיך מיט זיך! ער קען פון זיך ניט אַוועקגיין!

זאָגט מען אַז "ואהבת לרעך" פועל'ט דאָס אין אַזאַ אופן ווי "כמוך" - דאָס איז פונקט ווי ער אליין; וואו ער גייט האָט ער דעם חבר מיט זיך.

און אויף ווען מען גייט דער "לרעך" – ניטאָ אין דערויף קיין הגבלות – אויף יעדער אידן און אויף אַלע אידן, כמבואר בארוכה אין די שיחות פון רבותינו נשיאנו,

ביז ווי דער ענין איז כפשוטו, ווי דער אַלטער רבי ברענגט דאס אַראָפּ אין תניא פרק לב.

איז בשעת מ'האָט דעם קיום המצוה, און מ'זאָגט אַז דאָס איז א "כלל גדול בתורה" "ואידך פירושא זיל וגמור". אָט דעמולט, דורך "ואהבת לרעך כמוך" – דאָס איז מבטל דעם פיזור ישראל לבין האומות.

וכידוע דער וואָרט, אַז אפילו אַ אידן וואָס ער האט אים קיינמאָל ניט געזען, און ער האט מיט אים ניט געהאט קיין פאַרבינדונג, וויבאַלד אַז דאָס רעדט זיך וועגן "לרעך" – איז אָט דעמולט חל אויף דערויף די מצות עשה מן התורה פון "ואהבת לרעך כמוך", און אין אַן אופן אז דאס איז אַ מצוה וואָס זי איז א "כלל גדול בתורה"!

וכאמור לעיל, אַז אידן שטייען באחדות, ווערט דאָס אַ "גוי אחד בארץ", זיינען ממשיך "אחד", די אחדות, אויך אין דער גאַנצער וועלט, ווערט דעמולט אויך אין וועלט "לא ישא עוד גוי אל גוי חרב" – ס'ווערט אויך א שלום בין האומות. און אַן אמת'ער שלום של קיימא ושל אמת.

וואָס דאָס איז דער שטורעם פון אהבת ישראל, בנגלה בפשטות, עאכו"כ ווי ער איז מבואר אין ספרי מוסר אין ספרי חסידות וכו'.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ואתחנן

וואָס דאָס איז מבטל אויך דעם פיזור, און דאָס איז מבטל אפילו אין דעם חושך כפול ומכופל פון דעם גלות, וואָרום דער אמת איז – אָט דאָרט וואו עס געפינט זיך די נשמה פון אַ אידן,

ווערט בטל דער ענין פון "פזרן בין האומות": נאָך ווי זיי שטייען בין האומות, דורך דערויף וואס זיי זיינען אין אַ מעמד ומצב פון "גוי אחד", אחדות צווישן אידן – איז אָט דעמאָלט ווערט דאָס בפועל אַלע צוזאַמען, און אַז זיי ווערן אַלע צוזאמען, איז אָט דעמולט "כולנו כאחד", ווערט דער "ברכנו אבינו כולנו כאחד" וואָרום מ׳איז "כולנו כאחד".

ווי אַזוי קען מען פאַראייניקן אידן, אע"פ וואָס איינער איז "ראשיכם" און דער לעצטער איז "שואב מימך" – דארף מען האָבן אַן ענין וואס איז זיי מאחד,

ביז ווי די מכילתא זאגט דעם לשון הידוע –

אָט דאָס טוט אויף תורה, אפילו נאָך פאר מ"ת, בשעת אידן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט כנגד ההר, וואָס דאָס גייט אויף הר סיני, וואָס "משה קיבל תורה מסיני" – איז נאָך קודם שניתנה תורה – זיינען זיי שוין געוואָרן "כאיש אחד" ו"בלב אחד".

און ווי ער איז מבאר אין ירושלמי נדרים, "ואהבת לרעך כמוך", פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין "כמוך", זאָגט ער אין ירושלמי, אַז דאָס איז בדוגמא פון אַ רעכטער האַנט מיט דער לינקער האַנט. דאָס איז די הענט פון דעם זעלבן גוף, נאָר דאָס איז אַ רעכטע און דאָס איז אַ לינקע. קען זיין אַז איין האַנט זאָל מזיק זיין ח"ו די צווייטע האַנט, אדער פאַרקערט – מסייע זיין,

און "ואהבת לרעך כמוך" איז מגלה אַז דאָס איז הענט פון דעם זעלבן גוף, עס ווערט דער זעלבער גוף.

מ׳דאַרף אַז דאָס זאָל דורכנעמען אַלע זיינע כוחות, כאמור – טוט דאָס אויף תורה, וואָס דאָס איז א תורה אחת לכולנה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.